בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס מ"ח, פרשת וירא תש"פ

# תוכן השיעור

**"ס'איז נישט פון דעם בוים"...**

**"עפעס א קוואל פון דיבורים"...**

**'פוטר מים ראשית מדון'...**

**'לא הביט און ביעקב'**

**'המנין שלכם היה בוקע רקיעים'!**

**'קרסי נחושת'...**

**"גאר מיין זאך איז ראש השנה"!**

**'כוחו הגדול העולה על הכל'**

**'ולוקח נפשות חכם'**

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 48

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

***שנות ה'תש"ל, טייפ מס' 5#***

# "ס'איז נישט פון דעם בוים"...

(חסרה ההתחלה) **עס שטייט דארטן 'הנסתרות לה' אלוקינו',[א] יעדער איינער דארטן** (בעבודתו הפרטית בינו לבין קונו), **אבער 'והנגלות' - אז מען נעמט דעם רבי'נס זאך מיט א ענין פון אהבה, מיט 'חסד', מיט א 'טוב לב' איינער צום אנדערן, וואקסט ער אנדערש, און בכלל איז ער עפעס א אנדערע מענטש!**

**אז מען נעמט עס נאר מיט א 'מידת הדין' שמעקט עס נישט, ס'איז נישט אונזער ריח, ס'איז נישט אונזער'ס, ס'איז נישט אונזער זאך! ס'איז נישט אונזער זאך!**

**ס'איז געווען חילוקים ביי אונזערע לייט...**

**דאס האט מען געזעהן - אין אלע צייטן האט מען דאס געזעהן, דער וואס איז געגאנגען מיט א גאנג אזוי ווי מיר רעדן דא, מיט א גאנג פון 'מידת החסד ורחמים', נישט מיט קיין 'דין', דער האט געמאכט גוט! אפילו ער איז געווען א בעל בית, נישט אזוי מיט די גרויסע עבודות, האט ער געמאכט גוט, אלע יארן געמאכט גוט און געוואקסן!**

**און דער וואס איז געגאנגען מיט א מין 'שטארקייט' מיט א 'מידת הדין', ס'האט נישט געקלאפט, ס'האט נישט געארבעט, ס'האט נישט געהאט קיין קיום...**

**פארוואס? ווייל אז דער צווייג זייגט פון דעם בוים, מוז ער זייגן דער יניקה וואס דער בוים גיט אים! טאמער נישט גייט עס אוועק - איז עס נישט פון 'דעם בוים'** (אין הענף מקבל חיותו מהאילן אלא ממקום אחר), **ס'איז נישט פון 'דעם בוים'!**[ב]

❖ ❖ ❖

---

[א] דברים כ"ט כ"ח.

[ב] רצ"ל כי ענין רביז"ל הוא אילן שכולו חסד ורחמים, עי' שבחי הר"ן אות כ"ב: **וְגֹדֶל עֹצֶם הַפְלָגַת מִדַּת טוּבוֹ הָיָה מְפֻרְסָם לְכָל מַכִּירָיו, כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפֵדָה וָכַעַס כְּלָל, רַק כֻּלּוֹ טוֹב.** ועי' סיפורי מעשיות מעשה י"ג - יום החמישי, מענין האילן הנפלא אשר יש שם כל העופות וכל החיות, ושם אין שום היזק משום חיה, וכל החיות וכו' מעורבים שם, וכולם משחקים שם וכו'.

# "עפעס א קוואל פון דיבורים"...

אין (שנת) תרי"ד איז נפטר געווארן דעם רבי'נס טאכטער אדל'ע, און נאך גדולים פון אונזערע לייט זענען אויך נפטר געווארן דאס יאר, אסאך גדולים, ס'האט זיך אויסגעלאזט דעמאלט אלע גדולים, די גרויסע מענטשן.

רבי נתן איז שוין נפטר געווארן אין תר"ה, אבער אין תרי"ד איז נפטר געווארן עטליכע גרויסע מענטשן ביי אונזערע לייט, ר' יצחק בער[ג] איז נפטר געווארן תרי"ד, און דעם רבי'נס טאכטער, און נאך.

רבי נחמן טולטשינער איז (באותה עת) געקומען קיין אומאן צו רבי נפתלי'ן, זאגט אים רבי נפתלי: **"נחמן, דארטן אין טירהאוויצע (באזור הזה), איז דארטן דא א קליין שטעטעלע ס'הייסט 'לעקנעווקיווקע', - ס'איז א קליין שטעטעלע, האט זיך דארטן עפעס א ריר געגעבן דעם רבי'נס זאך - פאר צו, פאר דיר אדורך!"**

איז רבי נחמן טולטשינער צוגעפארן דארטן, האט ער א קוק געגעבן (וראה שם) יונגעלייט, ר' סענדר מיט די אנדערע חברה, האט ער געעפענט זיין הייליג מויל - רבי נחמן, און ער איז אפגעווען אכט טאג דארט אין טירהאוויצע, און ער האט גערעדט, טאג און נאכט גערעדט, גערעדט, גערעדט...!

אז ער איז דארט אפגעווען אכט טאג, האט ער זיך געדונגען א פירל (עגלה) זונטאג, און זיך געזעגענט צו פארן אהיים; האט מען זיך 'אזוי' געזעגענט, אז מען האט געהייסן דאס פירל אז ער זאל אוועקפארן, און ער איז געווען (נשאר שם) נאך אכט טאג... 'אזוי' האט מען זיך געזעגענט מיט אים!

איז ער אפגעווען נאך אכט טאג, און מען האט זיך שוין דאס צווייטע מאל געזעגענט זיך, האט מען זיך ווידער 'אזוי' געזעגענט, אז ער איז געבליבן נאכאמאל אכט טאג... איז ער געבליבן דריי וואכן!

מען האט זיך 'דריי מאל' געזעגענט ביז ער איז אוועקגעפארן...!

---

[ג] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת, עי' אודותיו בשיש"ק ח"ג אותיות שע"ט - שפ"ד, ועוד.

פרעגן זיי אים (כששמעו ממנו דיבורים כאלו, שאלו אותו): **"רבי נחמן פון וואנעט נעמט איר די אלע דיבורים? עפעס א קוואל פון דיבורים!"**

זאגט ער (ענה להם): **"ס'איז ידוע אז רבי נתן איז נפטר געווארן, און די אלע כתבים זיינע ליגן אויפן בוידעם - די אלע ליקוטי הלכות'ער - און זיי פוילן, זיי הייבן שוין אן צו פוילן, און מען דארף האבן געלט אויף צו דרוקן! די דיבורים וואס איך רעד, איז אלעם פון די 'ליקוטי הלכות' וואס ליגט אויפן בוידעם בבזיון!!"**

האט ר' סענדר ארויסגענומען הונדערט רובל און האט אים געגעבן, (ואמר לו): **"דאס גיבן מיר אייך הונדערט רובל שוין; הונדערט רובל וועלן מיר אייך געבן אז איר וועט אנהויבן דרוקן, און נאך הונדערט וועלן מיר אייך געבן אז איר וועט ענדיגן דעם דרוקן!!"**

האט ער באזיצט 'דריי הונדערט רובל'!

האט ער דאס דערזעהן, 'דריי הונדערט רובל'! (שהי' אז הון תועפות) צוריק מיט א הונדערט יאר, איז ער אוועקגעפארן קיין טשעהרין און ער האט געמאכט א געוואלד: **"געוואלד געוואלד!! וואס איז דאס?! נייע מענטשן, און זיי זענען גארנישט קיין גבירים, קוים פרנסה, 'דריי הונדערט רובל'! ס'איז עפעס א פארמעג!".**

האבן זיי זיך שוין געשעמט די טשעהרינער גבירים (ותרמו סכומים הגונים), און ר' נחמן האט אנגעהויבן דרוקן, און ביז תרי"ח האט ער אפגעדרוקט אלעס, אלע ליקוטי הלכות'ער - אין די פיר יאר.

❖ ❖ ❖

# 'פוטר מים ראשית מדון'...

די אהבה וואס איז געווען צווישן רבי נחמן טולטשינער און צווישן ר' סענדר'ן דאס קען מען גארנישט אויסמאלן.

ר' סענדר האט געזאגט אויף רבי נחמן'ען: **"דער נחל נובע מקור חכמה שטייט היינט איין ביי רבי נחמן טולטשינער!"** - אזוי האט ער געזאגט ר' סענדר.

איי, ס'איז טאקע געווען א 'רבי נחמן', ס'איז געווען א 'רבי נחמן'!

אין תרכ"ו האט ר' סענדר געבויעט די שול (הקלויז באומאן). רבי נתן האט געבויעט די ערשטע שול אין תקצ"ב, ס'איז געווען מיט אן ארימקייט, אבער ר' סענדר האט געבויעט די שול אין תרכ"ו, א שטארקע שול האט ער געבויעט! ער האט געגיבן געלט, ס'איז אלעם געווען, ס'האט געוואקסן דעם רבי'נס זאך, מיט צדקות, מיט אלעם – אהה, ס'איז געפלויגן... (הי' ברום המעלה).

ס'איז אוועקגעגאנגען (עברו שנים) ביז תרל"ב-תרל"ג, איז געקומען צו גיין דער בעל דבר, און ער האט אנגערעדט מען זאל זאגן צו רבי נחמן'ען: "רבי נחמן, מיר ווילן אז איר זאלט פירן א חשבון (של ההוצאות)...!!"

געווען איז אזוי, רבי נחמן טולטשינער, האבן אונזערע לייט אים ארויסגענומען (הביאו אותו מברסלב לאומאן), פריער האט ער געוואוינט אין ברסלב.

רבי נחמן האט געוואוינט אכצן יאר אין טולטשין, און אכצן יאר אין ברסלב, און אכצן יאר אין אומאן, אין תרכ"ו איז ער ארוים פון ברסלב, און אין תרמ"ד איז ער נפטר געווארן, - אכצן יאר.

מען האט אים ארויסגענומען, האט מען אים באשטימט (לנהל את כל עניני הקלויז), אונזערע לייט האבן דאך געוואוסט ווער רבי נחמן איז, אז אויף קיין מותרות דארף ער נישט האבן...

נו, זיי האבן געגעבן (נדבות) אויף די שול, אבער ער דארף דאך אויך עסן (פרנסה)...

נו, זאלן זיי אים זאגן וויפיל ער זאל נעמען?

**האט ר' אבא'לע געזאגט צו ר' סענדר'ן: "רבי נחמן דארף עסן א 'קאשע מיט יויך' גלייך מיט אונז, און מאכן (לאשתו) 'אסתר שיינדל' א 'קליידל' איינמאל אין א יאר! און מער 'פארטוט' (- מבזבז) נישט רבי נחמן! פארוואס דארף ער געבן א חשבון??!"**

(אחד שואל: ווער איז דאס?, ומסביר) אסתר שיינדל – ר' אברהם'ס מוטער, מאכן פאר איר א 'קליידל', א מלבוש, איין מאל אין א יאר, אן 'אמאליגע קליידל' האט ער געמאכט פאר איר...

(מבאר ההשגה שהיתה לר' אבא'לע ברבי נחמן טולטשינער) **הערסט? א 'קאשע מיט יויך' דארף ער עסן גלייך מיט אונז! און מאכן איר א 'קליידל' דארף ער! נו, מאכט ער איר א 'קליידל'... דארפסט פארשטיין, נישט קיין גרויסע** (טייערע) **מלבושים... מאכט ער איר א 'קליידל' דארטן דורכן יאר... און מער פארטוט ער נישט! פארוואס דארף ער געבן א חשבון?!**

**האבן זיי שוין גוט געהאט א געפיל אין רבי נחמן'ען, מיט וועמען מען האנדעלט!**

**איי, מחלוקת, מחלוקת... איז דאך 'פוטר מים ראשית מדון',[ד] עס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער... דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, וואס ס'איז נעבעך געווארן נעבעך...!**

❖ ❖ ❖

# 'לא הביט און ביעקב'

**ר' מאיר טעפליקער.. רבי נתן האט אים א פרעג געגעבן** (שאל בשלום אנ"ש דשם).

**דריי פיר לאנגע גאסן, דאס איז טעפליק... רבי נתן איז געווען קלאר דארט** (בקי) **אין טעפליק...**

**האט ער זיך געפרעגט אויף אונזערע לייט, האט ער אים אנגעהויבן אויספרעגן: "וואס טוט עפעס 'דער'?"**

**האט ר' מאיר א קנייטש געגעבן.**

**"מיט דעם?" - האט ער אויך א קנייטש געטאן!**

**אויף וועמען ער פרעגט אים, גיט ער אלץ א קנייטש...**

**זאגט ער אים: "נו מאיר, ביסטו דער ערליכער יוד?"**

**זאגט ער** (ענה לו)**: "איך? אוודאי נישט!"**

(שאל אותו מוהרנ"ת)**: "קיינער נישט? קיינער נישט?"**

---

[ד] משלי י"ז י"ד, וז"ל ברש"י שם: המתחיל במריבה הוא כפותח חור בגדרי אגפי אמת המים והמים יוצאין בו, והחור הולך ומרחיב כן המדון הולך וגדל תמיד.

האט רבי נתן מיט אים אנגעהויבן גיין קריק נאכאמאל (לחזור על כל האנשים ששאל עליהם): **"דער, האט אין זיך 'די' נקודות טובות! דער, האט אין זיך 'די' נקודות טובות! און דו האסט אויך אין זיך 'אביסל טוב'...!"**

**רבי נתן האט אויסגעדרייט קריק אינגאנצן פון פריערט...**

**אונזערע לייט פלעגן רעדן** (על מעשה זה וביארו:) **די וועג פון רבי נתן'ען... אז ר' מאיר האט א קנייטש געטאן איז געווען וואס צו קנייטשן... ס'איז טאקע געווען! יענער איז נישט געווען ר' מאיר** (בדרגא שלו) **און ס'איז טאקע געווען וואס צו קנייטשן...**

**אבער...!** (כוונת מוהרנ"ת היתה בזה ללמדו את דרך רבינו ז"ל, למצוא בכל אחד ואחד וגם בעצמו את הטוב שבו).[ה]

❖ ❖ ❖

# 'המנין שלכם היה בוקע רקיעים'!

(מתייחס למנין של אנשי רבינו ז"ל בנעמירוב בתחילת התקרבותו של מוהרנ"ת ז"ל)

**דאס הארץ וואס ער האט באקומען ביים רבי'ן** (מוהרנ"ת) **דאס קען מען נישט אויסמאלן! ס'האט אין אים געברענט א פייער! ביים אנהויב התקרבות, ער האט גארנישט געקענט - זיך געדראפעט... ער האט זיך נישט געקענט קילן דאס הארץ ...**

**דארטן אין נעמרוב - זענען דערווייל מקורב געווארן דארטן נאך עטליכע מענטשן, און ס'איז געווארן א מנין. ס'איז געווען פראסטע מענטשן** (אנשים פשוטים)**, א טעפער, א דער, א יענער... ס'איז געווארן, זיי זענען מקורב געווארן צום רבי'ן...**

**רבי נתן האט געזעהן, ער רעדט מיט זיי און זיי האבן נישט 'דעם' געפיל** (השגה ברבינו ז"ל)**, איך ווייס? זיי זאלן וויסן אז דאס איז אזא מין רבי?! האבן זיי נישט געוואוסט...**

**ס'איז געווען דארטן** (גם בני עליה) **א רבי נתן, א רבי נפתלי, און ר' ליפא אויך אביסל, אבער יענע זענען שוין געווען פראסטערע מענטשן...**

---

[ה] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת אות י"ח. ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ב עה"פ "ועוד מעט ואין רשע", ותו' י"ז תניינא עה"פ "לא הביט און ביעקב".

רבי נתן האט געזעהן, ער קומט זיך צונויף, און ס׳איז געווען ביי אים אזוי ווי גע׳בטל׳ט... אז זיי האבן נישט ׳דעם׳ געפיל (השגה) אינעם רבי׳ן.

און ווען ער פלעגט קומען צום רבי׳ן (מנעמירוב לברסלב), פלעגט אים דער רבי פרעגן: ״וואס הערט זיך **עפעס פון אייער מנין?**״

רבי נתן האט אבער געזעהן אז ס׳איז נישט ׳דער׳ מנין וואס ער מיינט... זיי האבן נישט קיין געפיל אינעם רבי׳ן... איז דער מנין בטל געווארן.

אז רבי נתן האט געדארפט קומען צום רבי׳ן, (חשב בעצמו) געוואלד! דער רבי וועט מיר דאך פרעגן: ״וואס הערט זיך מיט אייער מנין...!״

ווען רבי נתן איז אריינגעקומען צום רבי׳ן, איז דער רבי נישט געווען אין חדר, און ס׳איז געווען א קוויטל אנגעשריבן אויפן טיש (בכת״י רבינו ז״ל): **״מה אומר לכם, המנין שלכם היה בוקע רקיעים!!״**[ו]

האט ער שוין געהאט זיינס, נאך איידער ער איז געקומען צום רבי׳ן האט ער שוין געזעהן וואס דארט שטייט...

❖

# ׳קרסי נחושת׳...

האט ער דעמאלטס געזעהן, אז דעם רבי׳נס זאך איז נישט צו זאגן: ״נאר אז איך גלייך זיך מיט יענעם (בעבודה), דעמאלט האב איך מיט יענעם א שייכות״...

דעם רבי׳נס זאך איז דאך אזוי: דער רבי האט ׳בעלי בתים׳! ער האט מענטשן וואס דער ׳שאול תחתיות׳ איז פאר זיי קארג![ז] ער האט מענטשן (בני עליה) – ״וואו עפעס רעכטס איז מחויב צו מיר מקורב צו ווערן!״[ח]

ער האט אלע סארטן מענטשן!

---

[ו] עי׳ חיי מוהר״ן אות של״א.

[ז] עי׳ חיי מוהר״ן אות ש״י.

[ח] עי׳ חיי מוהר״ן אות רפ״ו.

און פון די אלע ווערט א משכן! דער גיט א 'גאנצע מנורה', דער גיט א 'כיכר זהב', דער גיט א 'קליינטשיקע העקעלע'... אבער 'דאס העקעלע' האט מען אויך געדארפט האבן אין משכן, און אז 'דער העקעלע' פעלט קען קיין משכן נישט זיין!

דער משכן האט געדארפט האבן חמישים קרסי זהב - 'פופציג גילדענע העקעלעך', און אז דאס האט געפעלט, האט מען נישט געקענט מאכן קיין משכן, ס'האט געפעלט! און אז מען גייט אריין צום צדיק, 'והיה המשכן אחד', דער גאנצער משכן ווערט איינס, און ס'ווערט א זאך![ט]

רבי נתן איז שפעטער (ממעשה זה) שוין געוואויר געווארן, אז **"דעם רבי'נס זאך איז נישט שייך צו זאגן 'גרויסע' אדער 'קליינע' - יעדער!"**

רבי נתן האט אזעלכע מענטשן מקרב געווען, וואס ממש, היינט וואלטן זיי געווען (מחוץ למחנה). עמי הארצים! איך וויים נישט צו זיי האבן געקענט 'דאווענען' אפילו...!

ער האט געוואוסט אז דעם רבי'נס זאך איז, **"דער רבי דארף עס צו האבן! גיט אהער א 'העקעלע'! אפילו נאך ווינציגער ווי א העקעלע!"**

ס'איז געווען (בהמשכן) קרסי נחושת אויכעט - 'קופערנע העקעלעך', העקעלעך פון קופער, נישט פון גאלד, דאס איז נאך ווינציגער ווערד...

❖ ❖ ❖

# "גאר מיין זאך איז ראש השנה"!

רבי נתן פלעגט זאגן אלע ראש השנה אן הלכה (מאמר בליקוטי הלכות), צווישן דעם ערשטן טאג און צווייטן טאג, דער רבי פלעגט זאגן תורה אין דער צייט, - פלעגט ער זאגן אן הלכה, און די הלכה איז געווען עפעס א געוואלדיג'ס! פייער האט געברענט פון רבי נתן'ס מויל ביי די הלכה! ס'פלעגן קומען אסאך מענטשן אויף ראש השנה צו הערן די הלכה.

---

[ט] עי' ליקוטי הלכות הל' נחלות ד' אות ח'.

דעם לעצטן ראש השנה (מימי חייו) איז רבי נתן נישט אראפגעקומען (מחדרו) זאגן די הלכה, און די מענטשן האבן משתוקק געווען, ס'איז געווען א געוואלד, זיי האבן געהאט חיות א גאנץ יאר פון הערן פון רבי נתן'ען די הלכה!

איז ר' אפרים רבי נפתלי'ס ארויפגעגאנגען צו רבי נתן'ען פרעגן 'פארוואס', - האט ער אים געזאגט א תירוץ דארטן... [איך ווייס? עפעס א תירוץ, די פוס...] און ר' אפרים האט פארשטאנען אז ס'איז נאר אזוי א תירוץ... - דאס איז געווען אין דעם לעצטן ראש השנה וואס רבי נתן איז נסתלק געווארן דאס יאר.

נאכדעם האט ער א זאג געגעבן פאר ר' אפרים: "פארשטייסט נישט? - זאגט ער - **איך האב א קוק געגעבן, האב איך געזעהן, אז מענטשן קומען אין שול אויף ראש השנה ווייל זיי ווילן הערן די 'הלכה'! נו, איך בין דאך נישט קיין אייביגער מענטש! וואס טוט מען אז אויף איבער יאר וועט ער נישט זיין?** [ער האט עס אויף 'זיך' געזאגט] **וועלן מענטשן זאגן, אז רבי נתן איז נישטא, פארוואס זאלן מיר פארן אויף ראש השנה? די 'הלכה' וועל איך נישט הערן...!** האב איך א קוק געגעבן, - **אז דעם רבי'נס זאך,** - **דער רבי האט געזאגט 'מיין זאך איז ראש השנה'** - **האט נישט קיין שייכות יא הלכה, נישט הלכה!!"**

**האט ער געוויזן דעם לעצטן ראש השנה, "אז דעם רבי'נס זאך איז ראש השנה, איז דאך נישט אנגעבונדן אין קיין הלכה זאגן!"** - און טאקע אויף איבער א יאר איז שוין רבי נתן נישט געווען.

❖

# 'כוחו הגדול העולה על הכל'

נאך אזעלכע זאכן איז דא, וואס רבי נתן האט ארויסגעוויזן ביים סוף (לפני הסתלקותו) אז דעם רבי'נס זאך איז אזוי גרויס, ס'איז נישט אנגעבונדן אין קיין שום זאך!

ע' חיי מוהר"ן אות ר"כ.

דעם רבי'נס זאך איז עולה על הכל! 'דער עצם 'זאך אליין' איז עולה על הכל! דער כח וואס גייט ארויס פונעם 'רבי'נס זאך אליין' איז עולה על הכל! - די אלע זאכן איז אוודאי זייער גוט, אבער דער 'עצם כח אליין 'איז עולה על הכל!!'[יא]

און דעם רבי'נס זאך וואס איז עולה על הכל, איז וואס ס'איז דא מער מענטשן (שמתאחדים), שיינט מער דעם רבי'נס זאך!

פארוואס? ווייל ס'איז א געוואלדיגער גרויסער אור! און אזא גרויסער אור קען נישט זיין ביי 'איינעם', וויפיל ער זאל זיין גרויס קען דער אור נישט זיין ביי 'איינעם'! נאר וואס דען? 'צוזאמען'![יב]

רבי נתן האט אמאל גערעדט שטארק א שמועס, ס'איז א געוואלדיגער שמועס געווען... האט רבי נתן א קוק געגעבן, האט ער א זאג געגעבן, "זאל איך זיך טראכטן אויף אזעלכע דיבורים? אזעלכע דיבורים זאלן מיר רעדן?!" האט ער א קוק געגעבן אז ס'איז דא צען מענטשן, האט ער געזאגט: "נו, כל בי עשרה שכינתא שריא,[יג] קען מען שוין רעדן אזעלכע דיבורים!"

האט מען געזעהן אז ס'איז פארהאנדן אמאל אזעלכע דיבורים וואס די דיבורים קענען גארנישט גערעדט ווערן, ווייל דער 'אור' איז דאך אזוי פיל גרויס! נאר וואס דען? 'צוזאמען' איז דאך 'כל בי עשרה שכינתא שריא', און אז די שכינה איז דארטן דא, קען מען שוין רעדן אזעלכע דיבורים אויכעט!

---

[יא] עי' עלים לתרופה מכתב צ"ג: חָמַל עָלֵינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהִקְדִּים רְפוּאָה לַמַּכָּה מַה שֶּׁשָּׁלַח לָנוּ מִקֹּדֶם מוֹשִׁיעַ וְרַב הָאֱמֶת לְהַצִּילֵנוּ עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת חִדּוּשֵׁי תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשִׁים, הַחִדּוּשִׁים הַנִּפְלָאִים וְהַנּוֹרָאִים וְכוּ' שֶׁהֵם מַעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה הָאֲמִתִּיִּים, וּבְיוֹתֵר עַל יְדֵי אֵלּוּ הַתְּפִלּוֹת, אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב וּבְעַל פֶּה עַד הֵיכָן מַגִּיעִים טוֹבוֹת וַחֲסָדִים שֶׁל אֵלּוּ הַתּוֹרוֹת וְהַתְּפִלּוֹת וְהַמַּעֲשִׂיּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ' וְכָל קְדֻשַּׁת הַהַשְׁאָרָה שֶׁהִשְׁאִיר בָּזֶה הָעוֹלָם. וְעַל כֻּלָּם גֹּדֶל כֹּחוֹ הַקָּדוֹשׁ הָעִזּוּז וְהַגִּבּוֹר וְכוּ' הָעוֹלֶה עַל הַכֹּל. ושם מכתב רי"ב: וְתוֹדָה לָאֵל יֵשׁ לָנוּ דָּאקְטִיר כָּזֶה שֶׁבָּקִי מְאֹד בִּרְפוּאוֹת נַפְשֵׁנוּ עַד תַּכְלִיתוֹ עַד הַסּוֹף הָאַחֲרוֹן, וּמִלְּבַד רְפוּאוֹתָיו הַיְקָרִים כֹּחוֹ הַגָּדוֹל בְּעַצְמוֹ עוֹלֶה עַל הַכֹּל.

[יב] עי' ליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' אות י': כִּי בֶּאֱמֶת לְהַמְשִׁיךְ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת צְרִיכִין כֵּלִים רַבִּים כַּיָּדוּעַ, עַל כֵּן צְרִיכִין לָזֶה קִבּוּץ יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים הַרְבֵּה שֶׁיִּתְקַבְּצוּ יַחַד לִדְרֹשׁ אֶת ה' וּלְבַקְּשׁוֹ, כִּי בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ בְּחִינַת נְקֻדָּה טוֹבָה מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר...

[יג] סנהדרין ל"ט ע"א.

❖ ❖ ❖

# 'ולוקח נפשות חכם'

אין זוהר הק' שטייט, אז פון א קרבן חטאת, די כהנים האבן געגעסן דאס פלייש, דער מזבח האט געהאט די אימורים, און מען האט געשפריצט דאס בלוט, וואס האט געהאט דער אויבערשטער פונעם קרבן?

א 'ריח ניחוח להשם'!

זאגט ער, אז נאר די 'רעותא טבא', - דער 'רצון טוב' – וואס דער וואס האט געבראכט דעם קרבן האט געברענגט, דאס האט דער אויבערשטער הנאה געהאט פונעם קרבן, - דער 'רצון טוב'!!

ביי אלע קרבנות, דער 'ריח ניחוח להשם' איז נאר די 'רעותא טבא'!

זאגט דער זוהר הק' אזוי, פון 'תורה און תפילה' וואס האט דער אויבערשטער? דעם 'רצון טוב' וואס דער מענטש האט! דעם 'רצון יראיו' – יעשה, דעם 'רצון' פון די 'יראיו' מאכט אלעס!

זעהט מען ארויס, דעם כח פון 'רצון'!

דאס ברענגט דער רבי אין תורה י"ג - א ראש השנה'דיגע תורה, **"אז דער צדיק נעמט צונויף אלע 'רצונות', און ער איז זיי מעלה למעלה און ער ברענגט אראפ 'תורה', און ס'ווערט א יחוד קודשא בריך הוא ושכינתי', פון די אלע 'רצונות' וואס מען האט!"**[יד] מען האט דאך רצונות, א מענטש האט א בענקאכטס צום אויבערשטען!

❖

[יד] וז"ל בליקוטי עצות על תו' זו: כָּל אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַבָּאִים לַחֲכַם הַדּוֹר, כָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵשׁ לוֹ אֵיזֶה רָצוֹן טוֹב, וְהַצַּדִּיק מַעֲלֶה כָּל אֵלּוּ הָרְצוֹנוֹת וּבָזֶה הוּא מְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹתֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלָיו, וְעַל־יְדֵי זֶה הוּא מֵבִיא הִתְגַּלּוּת הַתּוֹרָה שֶׁאוֹמֵר אָז בִּפְנֵיהֶם. נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד חֵלֶק בְּהַתּוֹרָה כְּפִי רְצוֹנוֹ וְכֵן נִתְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹ לְטוֹבָה. עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהִתְחַזֵּק וּלְהִתְעוֹרֵר, שֶׁיָּבוֹא עִם רְצוֹנוֹת טוֹבִים וְכִסּוּפִין טוֹבִים וַחֲזָקִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּדֵי שֶׁיִּתְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹ לְטוֹבָה בְּיוֹתֵר.

מען קומט זיך צונויף, מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, אונזערע לייט פלעגן זאגן אז דער רבי האט זוכה געווען (פָּעַל) למעלה, **"אז מען רעדט פון אים האט מען א הרהור תשובה!"** ער האט דאס זוכה געווען ביים אויבערשטען אז מען רעדט פון אים האט מען א 'הרהור תשובה'!

וואס איז דאס א 'הרהור תשובה'? אהה, עפעס א 'רצון' צום אויבערשטען!

דאס איז דאך דער גאנצער 'הרהור תשובה' - עפעס א 'בענקעכטס'! געוואלד! דאס איז די גאנצע זאך! דאס האט דער אויבערשטער!

אינדערפרי ביים דאווענען, וואס האט ער פונעם גאנצן דאווענען? דעם 'רצון טוב' צום אויבערשטען, דאס האט דער אויבערשטער דערפון, דאס בלייבט אים!

און דאס קען נאר זיין, ווען? ווען מען רעדט פונעם רבי'ן, און מען האלט זיך אינעם רבי'ן, גייט ארויף די 'רצונות טובות', און דאס איז אינגאנצן דער 'ריח ניחוח להשם'!

דאס איז אינגאנצן דיינע רפואה! דאס איז עס!

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת נשואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **משה כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נשואי בנו למזל טוב**

מוה"ר **משה מאיר זילבערשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת נשואי בנו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט

מוה"ר **יוסף מענדל האס** הי"ו, מאנסי יצ"ו
לעילוי נשמת דו"ז הרה"ח ר' **ישראל דב** ב"ר **אייזיק שלמה** ז"ל
נלב"ע י"ח מרחשון תשנ"ה